**UCLA**
**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**
Tsvey Lider / Two Poems

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3598c63r

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Moshe Shklar, Moyshe Skhlyar /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**משה שקליאַר**

# צוויי לידער

## אינצווישן גרין

גרוואַגלט האָט אַ מענטש איבער מרחקים
ביז ס'האָבן מער געדינט די פיס און שטאָק אים,
האָט ער זיך ערגעץ צוגעזעצט אַ ווײַלע —
געלאָזן הינטער זיך אַזוי פיל מײַלן.
אַרומגעקוקט זיך — זאַמדן אויפן דרום,
אויפן צפון — היגלען ווי די קברים,
אויף מיזרח איז אַ ווילדוואַלד אַ געדיכטער,
אויף מערב מיניען שוין די שקיעה־ליכטער.

וואָלט ער געקאָנט צום ווילדוואַלד נאָר דערגרייכן —
טראַכט דער מענטש און ווישט דעם שטערן פייכטן,
אין שאָטן פון אַ בוים די ביינער לייגן,
אַ דאַך עס זאָלן זײַן פאַר אים די צווייגן
און ס'זאָלן נישט די זאַמדן אַזוי שרעקן,
און נישט די היגלען גרייט אים צו פאַרדעקן,
וואָלט ער אפשר געקאָנט ביז טאָג דערציען —
נאָר ס'ווילן מער די פיס פאַר אים זיך מיען.

זיצט ער, טיף דעם קאָפּ צו ערד געבויגן,
די טרוימען זענען ערגעץ־ווו פאַרפלויגן,
בלויז איין געדאַנק אין די געהירן ראַיעט —
גאָט, לאָז ביישטיין מיך אויף דעם נסיון.
פּלוצעם הערט דער מענטש אַ שטים פון הייכן,
ווי עמעץ וואָלט געגעבן אים אַ צייכן —

---

### ככל הגוײמדיקײט... (המשך פון זייט 23)

איז געווען דער אויסדרוק פון אַ שפלות־קאָמפּלעקס, און אויך ביי האַלקינען זעט זיך עס שטאַרק אָן. דערצו הערט מען, אין זיינע בריוו אָפּקלאַנגען פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקיס (1922־1865) „איבערשאַצונג פון ווערטן" מיט זיינע ניטשעאַנישע איבערטרייבונגען און איינזייטיקייטן. און נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער מחבר מיינט אַז ער איז געוואַלדיק סאָפיסטיצירט און אָריגינעל אין זיין צוגאַנג צו אָנגענומענע אמתן, און צו דער היינטיקער יידישער פּראָבלעמאַטיק, איז עס פאַקטיש אַ דאָגמאַטישער, אַ סימפּליסטיציסטישער „אָדער־אָדער"־דאָקטרינער (אָדער תפוצות, אָדער ישראל). אין דער אמתן האָבן יידן שוין איצט סיי אין ישראל — ווי אַ מערהייט קולטור — סיי אין אַמעריקע — ווי אַ מינדערהייט־קולטור — אויפגעבויט אַ רייך גייסטיק לעבן, וואָס איז פול מיט צוזאָגן פאַר דער צוקונפט.

שטיי אויף, שטיי אויף און גיי, דו ווּעסט דערלאַנגען,
אַהין, ווּו ביסט נאָך קיין מאָל נישט דערגאַנגען!

און אויפגעשטאַנען איז דער מענטש און ווידער
געטראָגן האָבן אים די פיס נישט מידע,
מיט שטאָק אין האַנט געגאַנגען איז ער וויטער
און ס'האָט דער ווילדוואַלד גאָר פאַר אים צעשפּרייט זיך,
ווי ס'וואָלטן אויפגעפּראַלט זיך גרינע טירן.
נאָר עפּעס האָט גענומען אין אים פרירן,
אַ ספק האָט באַהערשט אים די געבליטן
און ער איז שטיין געבליבן אין דער מיטן — — —

און ער שטייט אַזוי דער מענטש אינצווישן גרין
און פרעגט ביי זיך אַליין — וווּהין, וווּהין?

## די שטיינערנע שטאָט

די שטיינערנע שטאָט שטייט איצט שטיל און פאַרטראַכט,
ווי אַן איינזאַמער מענטש אין דער מיטן פון נאַכט,
וואָס קוקט אויס נאָך אַ פריינד זיינע אויגן.
די טירן און פענצטער — פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט,
ווי עס וואָלט זיך דאָ נאָר־וואָס פאַרענדיקט אַ שלאַכט
און ס'זענען ראָבן אַהער אַנגעפלויגן.

נאָר ס'זענען קיין ראָבן געקומען צופלי'ן —
דאָס וויגן זיך שאָטנס אַהער און אַהין
פון אַלטע באַבלעטערטעביימער.
אַ ווינט טראָגט זיך דורך און צעטרייסלט דעם גריך,
און ס'זשומעט דער ווינט אין דער נאַכט ווי אַ בין
און פילט אָן די שטילקייט מיט אימה.

און אפשר עס איז נישט דער ווינט, נאָר ס'איז בלויז
דער עכאָ, וואָס קומט ערגעץ־ווּו פון אַ הויז —
דאָרט האָט זיך צעוויינט אינעם בעטל אַ קינד,
וואָס פאַרבענקט האָט זיך גראָד נאָך דער מאַמעס שויס,
און רייסט זיך און וויל פונעם בעטל אַרויס — — —
אַ קינדערש געוויין — און די אימה פאַרשווינדט.